ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | פרשת שופטים | שנת תשע"א

**צדק צדק תרדוף למען תחי׳ וירשת את הארץ:**

דער **נחל קדומים** איז מסביר פארוואס עס שטייט צוויי מאל צדק, ווייל די גמרא זאגט (ר"ה דף ד׳ ע"א) **האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור.** פרעגט תוס׳ די משנה אין אבות (פ"א מ"ג) זאגט דאך אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב ע"מ לקבל פרס.

נאר עס קען זיין א חילוק אז די מצוה אליין מוז זיין שלא על מנת לקבל פרס אבער אויב האט ער שוין געגעבן איינמאל צדקה פארן עיקר המצוה, און ער איז נאר מוסיף נאך צדקה, און די הוספה גיט ער ע"מ שיחי׳ בני דאס מעג מען.

דאס זאגט דער פסוק **צדק צדק תרדוף**, אז מ'זאל געבן צוויי מאל צדקה, **למען תחי׳**, ווייל די צווייטע מאל צדקה מעג מען שוין געבן בתנאי בשביל שיחי׳ בני.

*

**צדק צדק תרדוף למען תחי׳ וירשת את הארץ:** זאגט רש"י כדאי הוא מינוי הדיינין הכשרים להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתן. פרעגן די מפרשים וואס איז דער שייכות אז ארץ ישראל זאל זיין דער שכר פאר ערליכע דיינים?

ענטפערט דער **בנין אריאל** לויט די משנה אין אבות (פ"ה מי"א) **על עיוות הדין ועל עינוי הדין חרב בא לעולם, ועל ע"ז גו"ע ושפ"ד גלות בא לעולם.** אין סנהדרין (נ"ב ע"א) זאגט די גמרא אז ווער עס שטעלט אויף א דיין שאינו הגון איז ווי ער פלאנצט אן אשירה ביי אידן, ווי דער פסוק זאגט **שופטים ושוטרים תתן לך**, און גלייך נאכדעם שטייט **לא תטע לך אשירה.**

קומט אויס פון דעם אז דער עונש פארן שטעלן א דיין שאינו הגון איז חרב, ווייל אויף עיוות הדין קומט דאך חרב, און אויך גלות ווייל דאס איז דאך כאילו נוטע אשירה, און אויף עבודה זרה קומט גלות.

וועגן דעם ווען מ'שטעלט יא ערליכע דיינים, וואס איז די פארקערטע פון דיין שאינו הגון, איז דער שכר אויך דער היפך פונעם עונש, אז **להחיות את ישראל**, וואס איז פארקערט פון חרב, **ולהושיבן על אדמתן** וואס איז פארקערט פון גלות.

*

**כי יפלא ממך דבר למשפט בין דם לדם וגו׳:**

אין ספר **דברי יחזקאל** (מהגה"צ רבי יחזקאל שרגא פייוויש תאומים-פרענקל זצ"ל אב"ד קלאסנא) זאגט ער אויף דעם פסוק לויט דעם מדרש איכה וואס דערציילט אז די מלאכים האבן געפרעגט פונעם אייבערשטן ביים חורבן דריי זאכן. איינס אין די תורה איז דא א מצוה פון **כיסוי הדם**, און די אידן האט מען גע'הרג'עט און נישט צוגעדעקט זייער בלוט. די צווייטע שטייט אין פסוק **עפ"י שנים עדים יומת המת,** און מ'האט גע'הרג'עט די אידן אן קיין עדים. די דריטע עס שטייט אז א **מצורע** קען נאר א כהן פסק'ענען אז ער איז טמא, ווי אזוי האבן זיי געקענט ארויספירן די אידן מחוץ למחנה ווי מצורעים שלא עפ"י כהן. האט דער אייבערשטער געענטפערט אז דער תירוץ אויף אלע שאלות איז אז זיי זענען נענש געווארן ווייל עס איז נישטא קיין שלום צווישן אידן.

דאס זאגט דער פסוק: **כי יפלא ממך דבר למשפט,** אויב עס וועט ח"ו שווער זיין צו פארשטיין די משפטי ה׳, **בין דם לדם,** פארוואס האט מען נישט צוגעדעקט דאס בלוט, **בין דין לדין,** פארוואס האט מען דן געווען א דין אן קיין עדים, **בין נגע לנגע,** פארוואס האט מען זיי דן געווען ווי מצורעים שלא עפ"י כהן, אויף אלעם איז די תשובה ווייל **דברי ריבות בשעריך,** ווייל עס איז דא מחלוקת ביי אידישע קינדער, און דאס ברענגט אלע צרות אויף די וועלט.

### שופטים ושוטרים תתן לך׳

אין **די משנה** (אבות פ"ב) **שטייט אל תדון את חבירך עד שתגיע למקומו.** טייטשט **מהר"י יעב"ץ ז"ל** אז רוב מחלוקת וואס פאסירן צווישן מענטשן איז ווייל יעדער מאכט אפ זיין מיינונג פאר זיך, און מ'איז דן דעם מענטש לויט זיין שכל, דעריבער זאגט די משנה אז איידער מ'איז דן א חבר דארף מען זיך קודם ארייגלייגן אין זיין מצב און טראכטן וואס דו וואלסט ווען געטון אין זיינע אומשטענדן, און נאר אזוי וועסטו קענען יענעם פארשטיין.

טייטשט דער הייליגער **תולדות יעקב יוסף** זי"ע אז דאס זאגט דער פסוק **שופטים ושוטרים תתן ׳לך׳** אז דער משפט וואס דו ווילסט מאכן אויף דיין חבר זאלסטו קודם מאכן אויף דיר אליין, אזוי וועסטו קענען פארמיידן מחלוקת און שנאת חנם.

# אוצר הידיעות

## עגלה ערופה

מיר לערנען די וואך אין די סדרה די מצוה פון עגלה ערופה, אז ווען מ'טרעפט א גע'הרג'עטן מענטש וואס מ'ווייסט נישט ווער עס האט אים גע'הרג'עט, גייען די זקני העיר צום נחל איתן, און מ'האקט דארט אראפ די קאפ פון א עגלה, און מ'זאגט ידינו לא שפכו את הדם הזה.

דער רמב"ם אין מורה נבוכים (ג' מ') זאגט אז די סיבה פון דעם וואס די תורה האט געהייסן טון מיט די עגלה ערופה איז געווען כדי דאס זאל העלפן געוואויר ווערן ווער עס איז דער רוצח.

ווייל געווענליך איז דער רוצח פון די סביבה אין די ארומיגע שטעט. און אז די זקנים וועלן ארויסגיין און מעסטן די שטעט, און זיי וועלן מעיד זיין פארן אייבערשטן אז זיי זענען נישט שולדיג דעריין, און זיי ווייסן נישט ווער עס איז דער רוצח, און מ'וועט מאכן דעם גאנצן עסק מיט די עגלה, וועט דאס האבן א פרסום אין די גאנצע סביבה, יעדער וועט וויסן דערפון און יעדער וועט רעדן דערפון, ממילא וועט דאס ברענגען אז אויב עמיצער ווייסט יא וועט ער קומען דערציילן ווער עס איז דער רוצח.

אין ספר מאירת עינים פון א תלמיד פונעם רמב"ן ברענגט ער אז דאס ענין פון עגלה ערופה איז געווען אז נאך עטליכע טעג נאכדעם וואס מ'האט אראפ געהאקט דעם קאפ פון די עגלה איז ארויסגעקומען דערפון א גרויסער ווארעם, און דער ווארעם איז נאכגעגאנגען דעם רוצח, און האט זיך אנגעקלעפט אין זיינע קליידער, און קיינער קען נישט דעם ווארעם אראפ נעמען פון זיינע קליידער, ביז ווען מענטשן באמערקן דאס און עס ווערט אויפפאלענד, ביז ווען די חכמים וואס ווייסן דעם סוד ווערן געוואויר דערפון, און זיי כאפן אים און ברענגען אים צום בי"ד אז מ'זאל אים דן זיין.

דער רבינו בחיי שרייבט: איך האב געהערט אז אין די נבילה פון די עגלה ווערט באשאפן א ווארעם וואס גייט און הרג'עט דעם רוצח סיי וואו ער געפונט זיך, דער ווארעם קומט פונעם שר הנחל, והוא מנפלאות סתרי הטבע.

דער חיד"א ז"ל ברענגט אויך דאס ענין אין ספר ברכי יוסף, און ער צייכנט צו בשם הריקאנטי, וואס זאגט אז דאס איז מרומז אינעם פסוק ואת'ה תבע'ר ד'ם הנק', איז סופי תיבות רימה (ווארעם).

# אוצר רבותינו

## ועמדו שני האנשים

**הרה"ק רבי איציקל ווארקער זי"ע** בהיותו ילד נתייתם ל"ע מהוריו וזכה להתגדל בבית **הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע.**

פעם אחת נסע הרה"ק **מלעלוב זי"ע על** ראש השנה להסתופף בצל רבו הרה"ק **החוזה מלובלין זי"ע**, לקח יחד עמו הילד הקטן **הרה"ק מווארקע זי"ע.**

בשנה ההיא קודם תקיעת שופר ישב **הרבי מלובלין** זמן רב סגור ומסוגר בחדרו המיוחד, והציבור ישבו בביהמ"ד והמתינו זמן רב עד שהחליטו לשלוח את אחד מבני החבורה שישאל את הרבי למה לא לתקוע בשופר. ובחרו **בהרה"ק מלעלוב** שהוא יהיה השליח.

**הרה"ק מלעלוב** נכנס לקודש פנימה, והילד הקטן נכנס יחד עמו, וכאשר ראה **הרבי מלובלין** את הילד שאל אותו "וואס לערנסטו?" וענה הילד "הלכות עדות".

שאלו הרבי "אולי יש לך איזה חידוש שחדשת בהלכות אלו?".

ענה הילד שכן חידש משהו בסוגיא זו, וחזר על חידושו בפני הרבי מלובלין. וכה היו דבריו:

כאשר למדתי ההלכה **שקרוב פסול לעדות בין לזכות בין לחובה**, היה קשה לי, כי בשלמא כאשר קרוב בא לומר דברים לזכות קרובו אזי מובן שאי אפשר להאמינו כי כי יש לו נגיעה לומר דברים טובים עבור קרובו, אבל כשהוא בא לומר דברים לחייבו למה לא יהיה נאמן, הלא זה הוא נגד הנגיעה שלו וממילא בוודאי אומר האמת?

רק חשבתי שטעם הדבר הוא מכיון שהפסוק אומר "**ועמדו שני האנשים**", אנו רואים מזה שהעד צריך שיהיה בחזקת 'איש', ומי שמוכן לבא להעיד נגד קרובו בבית דין, הרי הוא בוודאי אינו בגדר אי"ש "...

כאשר שמע הרבי מלובלין הדברים האלו קם ממקומו ואמר "כעת אנו יכולין לילך לקיים מצות תקיעת שופר, כי הנה כתוב בתורה **בנים אתם לה' אלקיכם**, מילא אי אפשר שהשי"ת שהוא קרוב שלנו יקבל דברי המקטריגים שרוצים לדבר רעות על בניו".

# יגעת ומצאת

קומענדיגן מאנטאג ו' אלול געפאלט אויס די יארצייט פון מרן הגה"ק בעל ייטב זי"ע, וועלן מיר דא לערנען אינעם "יגעת ומצאת" איבער איהם, זיינע ספרים, זיינע הייליגע קינדער, וואס איז כדאי אז יעדער תלמיד זאל האבן א ידיעה דעריין.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע, מרן רבי, בן הרה"ק רבי, בן הרה"ק רבי, בעמח"ס. ער איז געבוירן געווארן בשנת, נפטר ביום, בשנת? זיין שווער איז געווען הרה"ק רבי, אב"ד, בעמח"ס, זיין שוואגער (א זון פון זיין שווער) איז געווען הרה"ק רבי, בעמח"ס, וועלכער איז שפעטער געווארן דער שווער פון. דער ייטב לב איז קודם געווען רב אין די שטאט, שפעטער איז ער געווען א קורצע צייט אין, דערנאך אין, די לעצטע 25 יאר איז ער געווען רב אין. ער האט מחבר געווען דעם ספר? על התורה. על המועדים. שאלות ותשובות און נאך א ספר על התורה מיטן נאמען? וואס איז דער פשט פון די נעמען? די זון פונעם ייטב לב זענען געווען: די איידימער פונעם ייטב לב זענען געווען:

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' ראה

א. השתלשלות נשמות ישראל: היה סיבה מאת ה' שטרם שכלל ישראל נבחר לעם סגולה להשי"ת, הם היו צריכים להיות בכמה גלגולים, ונתגלגלו ד' פעמים, בדור המבול, דור הפלגה, אנשי סדום, צאן יעקב, ומה"ט ביקש אאע"ה להציל את אנשי סדום כי ידע ששם נטמן נשמות כלל ישראל, וזה היה כוונת לבן כאשר ניהל מלחמה עם יעק"א בנוגע צאנו כי ידע שם נסתר נשמות ישראל. ובס' זקניך ויאמרו לך הנ"ל יש סיפור נאה איך שרביה"ק הדבר"י זי"ע אמר "שעפעלעך" בשמעו תפילת צעירי תלמידי מוסדותינו ושוב הזכיר דברי המדרש שכל נשמות ישראל היו בצאן יעק"א.

ב. הסתר נשמת משיח: מכיון שהשטן ארב אחר אחרי נשמת משיח, לכן הי' סיבה מאת ה' להסתיר נשמת משיח שהשטן לא יחשוד שמשורש זו יצא בן דוד. וזה היה סיבת: מואב הי' מלוט שבא על בנותיו, מעשה יהודה ותמר, סיבת ויקץ מואב מפני בנ"י, סיבת אל תצר את מואב, פרשת רות ובועז.

ג. דרך הצדיקים בלימוד זכות על כלל ישראל: כל הצדיקים היה דרכם שוה, שכלפי מעלה בקשו רחמים והמליצו יושר על בנ"י, וכלפי בנ"י אמרו דברי מוסר. זה הי' כשביקש אאע"ה רחמים על בני סדום, ומשרע"ה על חטא העגל. ובזה פי' רביה"ק לבלתי סור "ימין" היינו להמליץ זכות כלפי מעלה, "ושמאל" היינו לומר מוסר כלפי בנ"י.

ד. נסים ע"י רשעים: רביה"ק מבאר בכמ"מ באריכות שח"ו לומר שהשי"ת עושה נסים ע"י הרשעים, ומ"מ גם להסט"א יש כח לעשות נסים, וצריכים לכח הבחנה מיוחדת לידע אם הנס הגיע מצד הקדושה או להיפך, כדי שלא להגרר אחרי מינות ח"ו. רביה"ק זי"ע האריך בבחינה זו הרבה מכיון שהיו כאלו שרצו לומר שהשי"ת עשה נסים שהציונים ינצחו במלחמותיהם, וזה כפירה לומר כן שמאתו יתב' יעשה נסים לכופרים ועוקרי הדת.